

עס באטייליקן זיך:
יעקב גלאטשטיין
אליעזר גרינבערג
א. לעיעלעס
יוד אלף ווייסמאן
אלעף כץ
8
נאוועמבער, 1928
10 סענט א קאפּיע

און צו אומערוואַרט קומט אָן די ערוואַרטעטע שאָ,
קוקט דאָס באַשערטע פאַרשעמט אין די אויגן פון דעם
וואָס איז גרייט און בויגט קלוג דעם קאָפּ —
(עס לויכטן די אויגן באַם נאַר מיט בלענדנדיקער כאָכמע.)
און דאָס וואָס איז באַשערט,
און דאָס וואָס האָט געמוזט,
פּאַסט אַזוי דעם גרויען, דעם שטראַלנדיקן קאָפּ,
וואָס שווינט אויס דעם לעצטן טראָציקן געזאַנג
פון דעם הייליקן, הייליקן נאַר
וואָס איז אויסגעגאַנגען אין געפּאַנגענשאַפט
אַ ווינער.

---

א. ל ע י ע ל ע ס

# אימפּרעסיעס און עקספּרעסיעס

אַלץ שטרעבט צו רו, צו עטאַבלירטקייט. אויך אַ ליטעראַטור, אויך דער שרייבער. מען קאָן זאָגן: דאָס לעבן שטרעבט צום טויט. וויפל מענטשן ליגן זיך יעדע נאַכט שלאָפן מיט אַ געפיל פון גרויס צופרידנקייט, קימאַט גליקזעליקייט, וואָס אַט גייען זיי רוען, באַפרייען זיך פון דער טאָגיקער זאָרג, פון טאָגיקער אומרו? און יעדעס שלאָפנלייגן איז דאָך אַ פלירט מיטן טויט.

מען קאָן זאָגן וועגן אַ שרייבער: ער וויל זיך פאַראַנקערן, ער גאַרט באַרוטקייט. דערגרייכן דאָס ביסל רום — אָדער אייזעלער — אויפטאָן זיין באַשערטן אויפטו, און אָפּזעצן זיך.

עס איז אַ געפערלאַכער צושטאַנד פאַר אַ שרייבער. אַ געפערלאַכער פאַר דער ליטעראַטור, וואו די צאָל פון אַזוינע שרייבער מערט זיך.

אין ליטעראַטור זיינען יונגשאַפט, ניט־עטאַבלירטקייט, אומרו מער ווי אַ פליכט. עס איז איר לעבנס־נערוו. עס איז איר עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. ליטעראַטור איז נישט פילאָזאָפיע, וואו דערפאַרונג און געזעצטקייט זיינען דאָס סאַמע ווינטיקסטע. ליטעראַטור דאַרף קעסיידער וועלן שטייגן, קלעטערן, אויפטאָן. ווייל ליטעראַטור — ווי אַלץ, וואָס טראָגט און איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען קונסט — איז יונגשאַפט און דער אויסדרוק פון יונגען מענטשלאַכן שטרעבן.

און אין גאַנצן רייך פון ליטעראַטור איז די אייגנטלאַכע פּאָעזיע — דאָס אינגסטע. אין בעלעטריסטיק און אין דער דראַמע קאָנען נאָך זיין פון גרויסן — עפשער פון גרעסטן — ווערט די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג, די רייפקייט פון אָנשויאונג, דער „אָנגעפילטער שייער". דערפאַר זיינען בעלעטריסטיק און דראַמע בעפיירעש ענג פאַרבונדן מיט דער פילאָזאָפיע און מיט דער וויסנשאַפט פון דער צייט. אין זייער גרעסטער דערגרייכונג זיינען זיי, אין אַ געוויסן זין, צווייגן פון אָט די ביידע שאַפונג־אויסדרוקן.

פּאָעזיע (אין ענגסטן זין פון וואָרט) איז עפשער ווייניקער ווי די אַנדערע צווייגן פון ליטעראַטור, אָבער אויך פיל מער. איך וויל דאָ הויפּטזעכלאַך רעדן וועגן דער „מערקווט".



פאַר מיר איז פּאָעזיע דער אויסדרוק פון מענטשלאַכן רייסן זיך, פון מענטשלאַכער דאָנקיכאָטישער, לעהאַכּיסדיקער איבערהווינדונג. עס רייסט זיך — דער אורער כאָאָס. עס וויל איבערווינדן — די אַלערערשטע, אינפּאַראויס פ א ר מ י ש פ ע ט ע אומבאהאָלפיקייט. דערפאַר איז פּאָעזיע שטענדיק אָנהויב, קיינמאָל נישט סאַכהאַקל. בעלעטריסטיק און דראַמע זיינען מערסטנס סאַכהאַקל. זיי זיינען אַם בעסטן, ווען זיי זיינען סאַכהאַקל. עס איז דער באַלאַנץ פון אָנגעקליבענעם, פון דערגרייכטן, פון אריינגעדרונגענעם. פּאָעזיע וויל — און דאַרף — שטענדיק רעוואָלטירן קעגן דערפאַרונג, קעגן דעם „צייט־פאַרערטן", קעגן אַלץ, וואָס זאָגט: דאָ איז די גרעניץ, דאָ דאַרפסטו זיך אָפּשטעלן.

פּאָעזיע איז שפּרונג, פּאָעזיע איז פלי.

איך בין אַוודע נישט קעגן רייפקייט אין פּאָעזיע. אָבער די רייפקייט וועט שוין זיך אַליין באַזאָרגן. אפילע פּאָעטן זיינען נישט קיין אויסנאַמען בא דער פערטער דימענסיע, וואָס מיר רופן צייט, און אויך הינטער זיי שטעלן זיך אַוועק אַרמייען אָפּגעלעבטע טעג און קלייבן זיך צענויף אין אַזוי פיל און אַזוי פיל דורכגעגאַנגענע יאָרן. די רייפקייט מיידט קיינעם ניט, און דער פּאָעט קרינט זיי מעמיילע.

נאָר טייערער ווי די רייפקייט איז מיר אין דער פּאָעזיע פאָרט די אומרייפקייט — אויף וויפל זי איז נאָר דראַנג צו ברעכן, צו רייסן די דאַמבעס פון עטאַבלירטקייט, אויף וויפל שאַפערישער כאָאָס ברויזט אין איר.

טייערער ווי די רייפקייט איז מיר די יונגשאַפט אין דער פּאָעזיע, און טייערער ווי דערגרייכונג איז מיר דאָס ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט י ר ן אין דער ליטעראַטור. עס איז אין דער נאַטור פון „זאַכן", אַז דאָס שקאָצישע פּענדל מיט דער אויפשריפט „עקספּערימענט" זאָל גיכער פּלאַטערן איבער'ן דיכטערישן געצעלט, איידער איבער אַנדערע.

* * *

מיר פעלט יונגשאַפט אין דער אידישער פּאָעזיע. מיר פעלט דאָס עקספּערימענטירן — וואָס אין גלייכצייטיס דער סימן אי פון יונגשאַפט אי פון אויפטועריש‌ער, שאַפערישער דיכטונג.

איך לייען די זאַכן פון אונזערע נייסטע. יאָ, מיר האָבן נאָך אפילע אין אַמעריקע אידישע לידער־שרייבער, וואָס זיינען נאָך אין די פריע צוואַנציקער. וואונדערבאַר! דער פאַקט אַליין איז פאַר מיר אַ פרייד. אָבער זייערע לידער — איך רעד, ווי איר זעט, נאָר וועגן דער א י י נ נ ט ל א כ ע ר פּאָעזיע — טראָגן נישט קיין שום סימן פון יונגשאַפט. זייערע לידער זיינען שאַבלאָנען, נאָך אַלטע מוסטערן, רעסטאַווראַציעס פון פאַרגאַנגענע איבערגעלעבטקייטן.

איך דערמאָן זיך, ווי איינער פון די אינגסטע האָט מיך געפרעגט, צי פּרץ מאַרקיש איז נאָך אַ יונגער מענטש. איך האָב נאַאיוו געענטפערט: „אָ, יאָ, ער דאַרף זיין בלויז אַ פינף־און־דרייסיק יאָר אַלט". העניאָך אַקערמאַן, דער פרעגער, איז געווען גרינטלאַך אַנטוישט. „איך האָב געמיינט, אַז ער איז נאָך עמעס יונג".

דאָס איז מיך שטאַרק געפעלן געוואָרן. אַ יונגער פינגער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַרדינטן שנעל אין גאָז. איך האָב געטראַכט: האַלעוואַי שרייבט

הענאך אקערמאן אזוינע ל י ד ע ר. לידער, וואס זאלן שנעלן אין נאז, אנרייסן די אויערן, וואס זאלן מאכן פילן אז די אידישע פאעזיע אין אמעריקע איז א יונגער הירש אויף די בערג, א וואגנדיקער אדלער אין די וואלקנס פון כאאס.

די נייסטע אידישע לידער — איך רעד נישט וועגן זייער דיכטערישער קוואליטעט, אין ד ע ם מאמענט ארט עס מיך נישט — זיינען אומבאהאלפן און אומשולדיס, ווי גרייזנרויע זקיינים. קיין וואונס אויף עקספערימענטן — בלאסע עכאס פון אמאל. אויף אזוי פיל, פאר מיר, נישט אינטערעסאנט און איבעריק.

לייען איך דעם „אויפקום“. א כאשעווע פירמע געווארן. באיארט און אפגעועצט. דארט איז קעגנערשאפט צו עקספערימענט קימאט קרערא. ראס מען שטורעמט דארט קעגן „ריכטונגען“, „שולן“ (אנעוו: פארוואס קעסיידער לאשן רבבים? מען מיינט דאך מיסטאמע — ווייל אין אמעריקע איז בלויז דא — א י י ן „אפיציעלע“ ריכטונג). איז דאס אלץ פיין. וואקסט די קוואנטיטעט אידישע לידער. באפעסטיקט זיך די עטאבלירטקייט פון דער אידישער פאעזיע דא. עטאבלירטקייט — דערצו שטרעבט מען דאך אין „אויפקום“.

זע איך נישט קיין יונגשאפט אין דער אידישער פאעזיע פון אמעריקע. איז עס סיל און שטיל — און לאנגוויילים.

דאס נעמלאכע „אויף יענער זייט יאם“.

אי די „ביכערוועלט“, אי די „אידישע וועלט“ — נאר מען שטרעבט צו כשיוועס און סאלידקייט. אויך דארט וויל מען אויסברעכן אלע שויבן בא די דענערווירנדיקע „ריכטונגען“. יצו וואס? צו ווען? ווער דארף זיי? דערגייען אמאל אהער די לידער פון די אינגערע מענטשן — זיינען דאס עפעס צעשראקענע גראם־און שטימונג־איבונגען. איך וויל נישט פאראורטיילן. איך האב געקראגן א שיין בוך פאעזיע פון רחל ה. קארן און א היבשע צאל לידער דארט נעפעלן מיר. מיך אינטערעסירן די לידער פון אהרן צייטלין. ישראל שטערן און קאדיע מאלאדאווסקי זיינען טאלאנטפולע דיכטער. אבער בא דעם אלעם — עס פעלט מיר שוואונג. עס פעלט מיר פאעטישער עקספערימענט. עס פעלט מיר יונגשאפט.

איך האב זיך שוין מיט אן עמעס דערפרייט מיט אלטער קאציזנעס „מגילת תנחום“ („ליטעראַרישע בלעטער“, נומער 44). די טעמע, דער אינהאלט, די גאנצע זאך, אפן גערעדט, נישט לויט מיין גוסט. איך האב זיך דערפרייט מיט קאציזנעס קענטיקער עקספערימענטאטארישער באמיאונג אויסצוטאן אין דער פארם (לויט'ן עטאבלירטן לאשן). די זאך אינטערעסירט מיך א דאנק דעם סטיל און צוליב דער ארבעט איבער די גראמען. דורך אט דער ארבעט איז ארויסנעקומען א ווערטפולע פאעמע.

בעסער זיינען די גרוסן פון סאוועטרוסלאנד. די דארטיקע לידער, וואס דערגרייכן אונז, פארמאגן די מיר טייערע פרישקייט פון עקספערימענטירן. עס איז בא די סאזעטישע אידישע פאעטן אלץ קלוימערשט אינהאלט. פראלעטאַרישער סטיל. פראלעטארישער קורס. זאל זיין. נישט איך וועל האבן א טענע צו אימיצן פאר אויסקלייבן זיך דעם „געגנשטאנד“ פון א ליד. פאר מיר אין וויכטיק אין די לידער פון פרץ מארקיש, איציק פעפער, איזי כאריק, אקסעלראד, לעווין און אנדערע דאס שטרעבן צו באשאפן נייערע פארמען, אויסהאקן נייע לידער־סטילן.



אין סאוויעט־רוסלאנד ווערט, טיילווייז יעדנפאלס, געשאפן א ניי אידיש ליד. דער דראנג צו עקספערימענטירן דארט שמידט נייע פורמעס. מיט פרישע ציינער ווערט ארויסנעגריזשעט פון ווערטער־שטיין א נייער זין. איז דאס — פאר מיר — עקספערימענט און יונגשאפט. דארט און דא, אין יוניאן סקווער, מיינט מען עס איז קולע אינהאלט. באהעפטונג מיט'ן קוואל. דינסט דער רעוואלוציע. ווען ארט עס? פאעזיע זארגט זיך נישט דערפאר, וואס פאר א טייטש מען ליינט אין איר אריין. איך האב מיין אייגענעם טייטש און פאר מיר איז ער דער ריכטיקסטער.

* * *

איך האב געזען ארכיפענקאס סקולפטור־און מאלעריי אויסשטעלונג. פאר סקולפטור האב איך דעם גרעסטען אפשיי. ווען מען זאגט שאפונג, יעצירע, זעט מיין מויער גלייך א מענטש, וואס האקט שפענער מארמאר אדער קנעט שטיקער ליים. ארכיפענקאס גאנצע ארבעט איז ריינער עקספערימענט. עס האט מיר מוירעדיק אימפאנירט. פון יעדן שטיקל בראנז, מעש, זילבער, גאלד — ארכיפענקא עקספערימענטירט אסאך מיט מעטאלן — פון יעדן בלאק האליז און מארמאר האט געוויוט אויף מיר מיט שאפערישער יונגשאפט. „צום טייפל אלע אנגענומענע געזעצן. צום טייפל אלע פאראויס באשטימטע איבערציינונגען, וואס סקולפטור איז. איך, דער שאפער עקספערימענטיר, און אט זעט מיין וועלט. אזא איז זי — און זי איז מיר וואוילגעפעלן“.

מיר אין די וועלט פון ארכיפענקאס עקספערימענטאלער שאפונג אויך שטארק נעפעלן.

קאן ער דען ניט טאן דאסזעלבע ווי אנדערע? איך האב בא דער אויסשטעלונג געזען צוויי זיינע סקולפטור־פארטרעטן, קאנען זיי פארשאפן א נאכעסרואך אלע פארערער פון די אנגענומענע סטאנדארטן, אלע וואס זוכן אויגנשיינלאכן יעש. דער עמעסער שאפער־עקספערימענטאטאר קען אלץ. די פייערדיקע בייטש, וואס טרייבט אים אן, איז זיין אייגענער ברענענדיקער ווילן. וויל ער — טוט ער אזוי. וויל ער — טוט ער אנדערש.

מיר איז אפילע געפעלן די „ארכיפענטורא“. ארכיפענקאס א דערפינדונג אזא, וואס מיט איר וויל ער באפרייען די מאלעריי פון דער סטאטיק און מאכן זי דינאמיש. מען זאל זען נישט נאר די פארבן, ווי זיי זענען, נאר ווי זיי ווערן; נישט נאר די פארטיקע אווארן פון פארמען, פון ליכט־און־שאטן קאמבינאציעס, נאר ווי זיי באוועגן זיך, גייען זיך פאנאנדער, קומען זיך צוריק צענויף, קרייצן זיך דורך. עס איז נאך דערווייל א נישט־געראטענער אויפטו. עס איז שווער פון דער מאלעריי צו מאכן עפעס מער, ווי זי איז. די סטאטישקייט, די פיקסירונג איז איר גורל. יעדער פארזוך צו צערייסן די פענטעס מוז פירן צו מעכאנישקייט. ארכיפענקא פילט עס מיסטאמע אליין. זיין דערפינדונג ווערט געבראכט אין באוועגונג דורך עלעקטריציטעט און ער האט זי רעדיקירט — איינשטיינען און ערימאנען!

אבער דער ו ו י ל ן איז דא וויכטיק. דאס פארמעסטן זיך וויוט די פערזענלאכקייט. אלץ אין — א, ווי זעלבסטפארשטענדלאך! — פערזענלאכקייט. און איר וועט קיין טאטער נישט העלפן. אבער די פערזענלאכקייט.

וואָס זוכט, זויל, וואָס עקספּערימענטירט אָן אויפהער, נאָר די איז זויכטיק, נאָר די האָט אַ וואָרט.

לידער דאַרף מען שרייבן אַזוי ווי אַרכיפּענקאָ האַקט, מאָקט, קלעפּט און שמידט. שטענדיק עקספּערימענטירן, און שטרעבן אַלץ צו באַמייסטערן. די קלאַסישסטע פאָרמען און די פרייסטע. די געשלאָסנסטע סאָנעטן און ראָנדאָס, און דער קוים באַמערקבאַרער, קוים פון פראָזע אָפּגעשיידטער ווערליבער. גריזשען מיט די ציין אַלע מעטאַלן, אַלע אַרצן און געהילצן פון וואָרט, און אַרויס־קריגן פון דער פאַרמלאָזיקייט דעם פולסטן, אייגציקן פורעם פון דיין ווילן. קאָמבינירן אַלץ אינאיינעם, אויסשפּילן די פולע סימפאָניע פון די באַדייטונגפולע קלאַנגען פון לשון, און פאַנאַנדערוואַרפן זיי צוריק. אַרויסשלעפּן איין דעטאַל און אַ וואָרף טאָן אויף אים דאָס בלענדיקסטע ליכט — אַרויסבאַקומען פון אים זיין אורן מיין און זין.

עקספּערימענטירן, נאָר עקספּערימענטירן אין דער פּאָעזיע. קעמפן קעגן דעם ביאַלאַנישן מוז פון רו. צערייסן אַלע געוועבן פון סטאַבילדיטקייט. דורכשיכן דאָס וואָרט מיטן פולווער פון יונגשאַפט, האַלטן עם בלאַנקענדיק, ווי אַרכיפּענקאָ — דעם אַרץ אין זיין „עגיפּטישן קאָפּ“.

---

## יוד אַלף ווייסמאַן

### זי

פאַרבייגעגאַנגען די טעג ווי די אַלטע גוטע שוועסטער.
די ברייטע גאַסן
די מעיושעוודיקע שטיבלאַך באַ די זייטן
(ווי קליינע קלויסטערלאַך אין אַ ווייטן דאָרף.)
די גריגבאַדעקטע הויפן
די ווינשלבוימער מיט זילבערדיקע קרוינען אַף די קעפּ
די זויסע פאַרהיינגלאַך וואָס קוקן מילד און שטיל
אַף אַלץ וואָס גרינט און וועלקט אַף דער ברייטער ערד.
זיך שלאַנק פאַרנויגט מיט אַ לייכטן שאָקל פונם קאָפּ
און נוטמאַרגנס זיינען אַרויסגעפלוינן פון איר בויל
ווי ווייסע טויבן פון אַ טויבנשלאַק.
זי האָט אויך געזען דאָס פעלד
און אויך געזען דעם וואַלד
און דער טייך האָט ווייס אַ בלאַנק געטאָן אין אירע אויגן,
און קומענדיק אַהיים האָט זי אויסדערוויילט אַ טאָן
וואָס וועט בויען איר אַ שטיבל אַף אַ באַרג
איינפלאַנצן אַ וואַלד דערביי
דורכפירן אַ טייך
פאַרזייען פרי דאָס פעלד
און אַ שטילער קומען רוען באַ איר קלייד.